שנה א' גליון ד'
**פרשת לך לך**
תשפ"ד

גליון
# יומא בהילולא

## לוח ההילולא

<u>י"ג חשון</u>

א) הגה"ק ר' יהודא לוואי הזקן החסיד זצ"ל.
ב) הרה"ק רבי ברוך מקאסאווע זצ"ל.
ג) הגאון ר' פייביש הכהן זצ"ל דומ"ץ וואנסבעק.

<u>י"ד חשון</u>

א) הרה"ק ר' אהרן ווייס זצ"ל מבענעדקוויץ.
ב) הגאון ר' ישראל משלום זלמן אשכנזי זצ"ל אב"ד קוניץ.

<u>ט"ו חשון</u>

א) הגה"ק רבי זאב וואלף הלוי אלעסקער זצ"ל.
ב) הרה"ק רבי שמואל קאמאדער זצ"ל אב"ד דאראג.
ג) הגאון ר' יצחק זאב הלוי עפשטיין זצ"ל אב"ד קאלאמייא.
ד) הגאון ר' יעקב ווינער זצ"ל ראב"ד פראג.

<u>ט"ז חשון</u>

א) הגאון ר' יחיאל מיכל הלוי מגלונא זצ"ל.
ב) הגאון ר' ארי' ליב הכהן לוצקער מווילנא זצ"ל.

<u>י"ז חשון</u>

א) הגאון ר' ישראל זצ"ל דיין בקראקא.

<u>י"ח חשון</u>

א) הרה"ק ר' מענדלע קאסובער זצ"ל.

<u>י"ט חשון</u>

א) הרה"ק ר' שמשון הלוי העללער מאוזיראן זצ"ל.
ב) הגאון ר' שרגא דוד פאללאק זצ"ל.
ג) הגאון ר' יצחק אברהם זצ"ל אב"ד מינסק.
ד) הגאון ר' ישראל מייזעלש זצ"ל דומ"ץ קראקא.

## י"ג חשון

### הגה"ק ר' יהודא לוואי הזקן החסיד זצ"ל.

ער איז געוועז א גאון הגאונים, יחיד בדורו בקי בש"ס ובפוסקים אין אלע חכמת פון די וועלט, איש אלוקים בעל מקובל ובעל רוח הקדוש און גרויסער מיוחס מגזע אדונינו דוד המלך ישראל חי וקיים. ער איז נסתלק געווארן ביום י"ג חשון הא' ר"א.

### הרה"ק רבי ברוך מקאסוב זצ"ל.

געבוירן צו זיין פאטער רבי אברהם זצ"ל. ער איז געוועז א תלמוד פון רבי ר' בער זצ"ל און פון רבי מנחם מענדל מפרימשלאן זצ"ל. ער האט משמש געוועז אלס מוכיח ומגיד משרים אין שטאט קאסוב און אין שטאט בארדיטשוב. ער איז געוועז א גדול בתורה קדוש ישראל מוקבל אלקי, חו"פ בוצ"ק. ער איז נסתלק געווארן ביום י"ג חשון תקמ"ג בעל מחבר ספר יוסד האמונה, ספר עמוד העבודה וספר נחמד נעים.

### הגאון ר' פייביש הכהן זצ"ל דומ"ץ וואנסבעק.

געבוירן צו זיין פאטער הגאון ר' אברהם כ"ץ זצ"ל. ער האט משמש געוועז אלס דיין אין וואנדסבעק. ער איז געוועז א גאון עולם און בעל מקובל. אין יאר תקל"ב ווען מען האט געדריקט אין אלטונא די מחזורים הגדולים איז ער געוועז בעל מגיה. אויף זיין מציבה איז נחרת 'ראוי להלביש אורים ותומים ככהן יכהן פארו פעלו צדק ימו עסק בתורה כר' חנינא ובלילה יהגה פיהו בחכמות אמיתיות שפתי כהן ישמרו דעת וכו'.' ער איז נסתלק געווארן ביום י"ג חשון תקל"ז ומנו"כ אין וואנסבעק (ראה ספר חכמי אה"ו).

## י"ד חשון

### הרה"ק ר' אהרן ווייס זצ"ל מבענעדקוויץ.

געבוירן ביום ראש חודש שבט תרי"א לפ"ק, צו זיין פאטער הרה"ק ר' שמואל צבי זצ"ל ראב"ד מונקאטש. ער האט געלערנט ביי זיין פאטער און ביי זיין פעטער הרה"ק ר' יצחק אייזיק מסוואלייווע זצ"ל, ווי אויך האט ער מקבל געוועז פון זיין עלטערע ברודער הרה"ק בעל אמרי יוסף מספינקא זצ"ל. שפעטער איז ער געוועז א תלמוד מובהק פון הרה"ק ר' יצחק אייזיק מזידיטשוב זצ"ל. אזוי אויך איז ער געפארן צו כמעט אלע צדיקי הדור פון אונגערן און פולין, צווישן זיי ביי הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז ועוד און הרה"ק מהר"י מבעלזא זצ"ל ועוד. זייענדיג בלויז זעכצן יאר האט ער חתונה געהאט מיט די טאכטער פון הרה"ק ר' יהושע הערשל הכהן פריעד זצ"ל אב"ד קאפיש. ווען ער איז אלט געוועזן צוואנציג יאר איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין שטאט בענעדקוויץ. דארט האט ער אויך פארמאגט א ישיבה ווי ער האט מרביץ תורה געוועזן פאר תלמידים און עס זענען געקומען צו אים צו פארן הונדערטע חסידי זידיטשוב וואס זענען געקומען זיך מוסתופף זיין בצלו. אין יאר תרמ"ט איז ער געפארן אינאיינעם מיט זיין שווער און קבוצה פון אונגערישע רבנים אויף א באזוך אין ארה"ק. אים שנת תרס"ז האט ער זיך אריבער געצויגן אינאיינעם מיט זיין ישיבה קיין מונקאטש און איז דעמאלטס אויפגענומען געווארן אלס דומ"ץ אין שטאט. שפעטער בשנת תרע"ה איז ער נתמנה געווארן אלס ראב"ד מונקאטש. ר' אהרן איז געוועזן באקאנט אלס גרויסער פעול ישועות. ווען ער פלעגט פארן צו זיין ברודער הרה"ק בעל אמרי יוסף מספינקא זצ"ל האט ער אים געזעצט צו זיין זייט און אינאיינעם האבן זיי געליינט די קוויטלעך. חוץ וואס ער איז געוועזן א רבי און בעל מופת איז ער אויך געוועזן גערעכנט אלס איינס פון די חשובסטע רבנים בדורו. אלס דיין אין שטאט מונקאטש איז ער געשטאנען בראש מערכות ישראל לצדו פונעם רב הרה"ק בעל דרכי תשובה זצ"ל און אנדערע גדולי ישראל. ער איז נסתלק געווארן מוצאי שבת אור ליום י"ד חשון, ומנו"כ אין ביה"ח אין מונקאטש. בשנת תשל"ו האט מען מפנה געוועזן זיין קבר אינאיינעם מיט די קברים פון גדולי ורבינו העיר מונקאטש צום דערפל קרובעטץ. ער האט איבערגעלאזט בכת"י חידושים על הש"ס און תשובות וד"ת אויף תורת הנסתר אבער עס איז נאר איבערגעבליבן די ספר מדרש אהרן על ספר בראשית.

### הגאון ר' ישראל משלום זלמן אשכנזי זצ"ל אב"ד קוניץ.

געבוירן צו זיין פאטער הגאון ר' דוד זצ"ל אב"ד יארטשוב, זון פון הגה"ק בעל חכם צבי זצ"ל. ער איז געווען א גאון מופלג און חסיד וקדוש.ער איז נסתלק געווארן ביום י"ד מר חשון שנת תקל"ז ומנו"כ אין שטאט פאמארין.

## ט"ו חשון

### הגה"ק רבי זאב וואלף הלוי אלעסקער זצ"ל.

געבוירן בערך שנת ת"ס צו זיין פאטער הגאון ר' שמואל הלוי זצ"ל אין שטאט אלעסק. און די יונגע יארן האט ער זיך משלם געווען אין די קלויז אין שטאט בראד. שפעטער האט ער משמש געווען אלס מגיד משרים אין שטאט זאלקאווא, ווי אויך אלס מגיד משרים אין שטאט טארניפאל. אין יאר תקל"ו איז ער ארויף קיין ארה"ק און זיך באזעצט אין ירושלים עיה"ק. ער איז נסתלק געווארן ביום ט"ו חשון ומנו"כ אויפן הר הזיתים. מח"ס חדושי וכללות הרז"ה על שו"ע וספר דרשת הזאב (כת"י) על התורה.

### הרה"ק רבי שמואל (-קאמאדער) פרענקיל מב"ח זצ"ל אב"ד דאראג.

געבוירן ביום ה' ניסן שנת תקע"ה אין שטאט ריסקא צו זיין פאטער הגאון ר' צבי שרגא פייבוש זצ"ל אב"ד ריסקא, ובמח"ס תלת גווני דשרגא. ווען ער איז אלט געווען בלויז זעקס יאר איז ער ל"ע נתייסם געווארן פון זיין פאטער איז ער אויפגעצויגן געווארן ביי זיין שוואגער דער ווערפלעט'ער רב הגאון ר' זאב וואלף טענענבוים זצ"ל בעל רחובות הנהר ועוד. ער האט געלערנט ביי זיין פעטער הגאון ר' יצחק פרענקיל מקראלי זצ"ל, שפעטער האט ער געלערנט אין שטאט אונגווואר ביים מהר"ם אש זצ"ל. נאך זיין חתונה האט ער געוואוינט אין קאמאדא און צוליב דעם איז ער באוויסט אלס ר' שמואל קאמאדער. נאך דעם האט ער געוואוינט אין שטאט אויפאלא, דארט האט ער עוסק געווען בתורה און נהנה געווען מיגע כפו זייענדיג אן אתרוג סוחר. ער האט זיך מוסתופף געווען בצ"ק פון הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זצ"ל, הרה"ק השר שלום מבעלזא זצ"ל ובנו הרה"ק מהר"י זצ"ל, הרה"ק בעל אך פרי תבואה מליסקא זצ"ל, הרה"ק בעל יטב לב מסיגוט זצ"ל און הרה"ק ר' מאיר מפרעמישלאן זצ"ל. אין יאר תרל"ד איז ער בפקדות רבו דער צאנזער רב געווארן רב אין שטאט דאראג, ווי דארט האט ער אנגעפירט מיט די עדה און אויפגעשטעלט אסאך תלמידים. ער איז נסתלק געווארן ביום ט"ו חשון שנת תרמ"ב ומנו"כ אין דאראג. מח"ס אמרי שפר עה"ת ומעודים.

### הגאון ר' יצחק זאב הלוי עפשטיין זצ"ל אב"ד קאלאמייא.

געבוירן צו זיין פאטער הגאון ר' נחמן צבי זצ"ל אב"ד קאלאמייא. געווען א קדוש ישראל און גאון מפורסם. בשנת תק"צ נאכן הסתלקות פון זיין פאטער ער איז אויפגענומען געווארן אלס מ"מ. ער איז נסתלק געווארן ביום ט"ז חשון שנת תר"ט ומנו"כ אויפן אלטן בית החיים אין שטאט קאלמייא. (ראה ספר זכרון לראשונים על העיר קאלמיא.)

### הגאון ר' יעקב ווינער זצ"ל ראב"ד פראג.

געבוירן אין שטאט האמבורג. ער איז געווען א גאון וחסיד חו"ב נפלה. ער איז נסתלק געווארן ביום ט"ו חשון תק"ב. מח"ס קול קול יעקב על כמה מסכת הש"ס ועה"ת ושו"ע.

## ט"ז חשון

### הגאון ר' יחיאל מיכל הלוי מגלונא זצ"ל.

געבוירן צו זיין פאטער הגאון ר' אשר לעמל זצ"ל מגלונא. ער איז געווען א גאון עצום שר התורה און א מאורידגע בעל דרשן. ערשט האט ער משמש געווען אלס דרשן און דיין אין שטאט וויען, דערנאך איז ער געווען רב אין שטאט אייזנשטאט. ער איז געווען אן איידעם ביי הגאון ר' משה מגלונא. ער איז נסתלק געווארן ביום ט"ז חשון שנת תקע"ט. מח"ס שער המים.

### הגאון ר' ארי' ליב כ"ץ לויצקער זצ"ל דיין דק"ק האמבורג ואלטונא.

געבוירן אין שטאט ווילנא צו זיין פאטער הגאון ר' שמחה זצ"ל דומ"ץ אה"ו. אלס קליין קינד האט ער זיך געצויגן אינאיינעם מיט זיין פאטער קיין אלטונא. ער איז געווען א גאון מובהק און געפראוועט אסאך תענית'ים. סוף ימיו איז ער געווען דיין אין אה"ו. ער איז נסתלק געווארן ביום י"ז חשון תע"ט.

## י"ז חשון

### הרה"ק ר' מנחם מענדל האגער זצ"ל אב"ד קאסוב.

געבוירן שנת תקכ"ט אין שטאט קאלאמעא צו זיין פאטער הרה"ק ר' יעקב קאפיל חסיד זצ"ל. ווען ער איז געווען נאך גאר יונג איז ער א חתן געווארן מיט די טאכטער פון זיין פעטער הרה"ק ר' שמואל שמחה זימעל זצ"ל מקאסוב. נאך די חתונה האט ער אביסל עוסק געווען אין מסחר, אבער נאר וויפיל ער האט געדארפט כדי חיון, די איבעריגע צייט האט ער געלערנט מיט א שקידה נפלאה יומים ולילה ובקדושה ובטהרה און ער איז געווארן מפורסם פאר א גדול בתורה בגלה ובנסתר. ער האט זיך מוסתפף געווען בצ"ק פון הרה"ק בעל צמח ה' לצבי מנדבורנא זצ"ל און ביי הרה"ק ר' משולם פייביש הלוי העללער מזיבארזש זצ"ל בעל יושר דברי אמת און ביי הרה"ק ר' משה לייב מסאסוב זצ"ל דער הייליגער אהבת שלום זצ"ל. ער איז געווען א רבי פון טויזנטער חסידים וואס זענען געקומען ליהנות מאורו. ער איז געווען א בעל רוח הקודש און פועל ישועות און איז געווען דער עמוד החסד וואס האט

געטיילט אסאך צדקה. ער איז נסתלק געווארן ביום י"ז חשון

תקפ"ו ומנו"כ אין קאסוב. בעל מח"ס אהבת שלום עה"ת ומעודים.

## י"ח חשון

### הרה"ק ר' נפתלי הירץ אשכנזי זצ"ל אב"ד לבוב.

אב"ד לבוב תוך וחוץ לעיר וכל גלילותיה. געבוירן צו זיין פאטער רבי ישראל זצ"ל. ער איז געווען א גאון הגאונים, אן איש אלוקים קדוש ונורא. ער איז גערופן געווארן דער רבי ר' הירץ. ער איז געווען די ראש פון די וועד ארבע ארצות און אלע גדולי הדור זענען געווען נכנה אונטער איהם. ער איז געווען א גרויסער עניו אבער זיין נשיאות האט ער געפירט מיט א שטארקייט. ערשט איז ער געווען רב אין קאוולי, דערנאך אין דעסוי און אין טיקטין. און יאר תס"ב, ווען זיין שווער הגאון ר' משה פנחס חריף איז נסתלק געווארן, איז ער אויפגענומען געווארן אלס מ"מ. צוואנציג יאר איז ער געזעצן אויפן רבנות שטוהל און יעדע שווערע זאך פון אלע מדינות האט מען געברענגט צו אים. ער איז נסתלק געווארן ביום שבת קודש י"ח חשון שנת תע"ב. (ראה בספר אנשי שם אות תמ"ח ובספר כלילת יופי וראה עוד בספר מליצי אש ביום ד' תשרי אות ל"א)

## י"ט חשון

### הרה"ק ר' שמשון הלוי העללער מאוזיראן זצ"ל.

געבוירן צו זיין פאטער הרה"ק ר' משלום פייבוש מזיבארזש זצ"ל בעל יושר דברי אמת, און איז געווען אן איידעם ביי הרה"ק ר' הרה"ק ר' יוסף יוסקא הורוויץ זצ"ל בן הרה"ק ר' ארי' לייב מוואלטישוסק ובזוו"ש הרה"ק ר' בנימין זאב וואלף מזיבאריזש זצ"ל זון פון זלאטשובער מגיד. ער איז געווען א תלמוד פון הרה"ק מאפטא זצ"ל. נאכן הסתלקות פון אביו זענען טויזנטער חסידים געפארן צו אים. ער איז נסתלק געווארן ביום י"ט חשון ומנו"כ אין שטאט לאשקאוויטץ. מח"ס ספר נזירות שמשון.

### הגאון ר' שרגא דוד פאללאק זצ"ל. אב"ד באלאטאן-פירעד

געבוירן בשנת תרל"ז צו זיין פאטער הגאון ר' אברהם זצ"ל אב"ד באלאטאן-פירעד און זיין מוטער מרת בילא. ווען זיין פאטער איז נסתלק געווארן, ביום כ"ו אייר שנת תרס"ג, איז ער אויפגענומען געווארן אלס מ"מ אלס רב אין שטאט באלאטאן-פירעד. ער איז געווען א גדול בתורה וביראה. ער איז נסתלק געווארן ביום י"ט חשון תרע"א, זייענדיג בלויז פיר און דרייסיג יאר אלט. (ראה עלי זכרון 14)

### הגאון ר' יצחק אברהם זצ"ל אב"ד מינסק.

געבוירן צו זיין פאטער ר' אשר זצ"ל (פאטער פון בעל שאגת ארי') אב"ד מינסק. בשנת תק"ט איז ער געווארן רב אין גליל פון שטאט מינסק. ער איז געווען רב ביז שנת תקט"ו. ר' יצחק אברהם איז געווען א גאון מובהק ומפורסם. ער איז נסתלק געווארן ביום י"ט מרחשון שנת תקל"ו לפ"ק. (ראה בספר רבני מינסק וחכמיה)

### הגאון ר' ישראל מייזעלש זצ"ל דומ"ץ קראקא.

געבוירן צו זיין פאטער הגאון ר' דובעריש זצ"ל און געווען אן איידעם ביי הג"מ ר' אלכסנדר זיסל ראפופורט זצ"ל פון מינסק. ער האט קודם געדינט אלס רב אין שטאט שעדליץ, ביז סוף שנת תרל"ד. און אנפאנג פון תרל"ד איז ער אריבער קיין קראקא און איז דארט אויפגענומען געווארן אלס דיין אין שטאט. ער איז נסתלק געווארן ביום י"ט חשון תרל"ו ומנו"כ אין אלטן ביה"ח אין שטאט קראקא. זיינע מעריצים האבן אויפגעבויט א גרויסן בית המדרש על שמו אין שטאט קראקא. (ראה ספר לוחות זכרון-קראקא)

ליטול חלק בהוצאת הגליון ולהארות והערות או
לקבל הגליון, ניתן לפנות
yoimabhillula@gmail.com